בס"ד

ויחי תשפ"ג
גליון 124

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה פַּרְשַׁת וַיְחִי אִיז דָא בַּאהַאלְטְן גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹדוֹת אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיפְן פְּלַאץ. לָמָה פַּרְשָׁה זוּ סְתוּמָה? (סְתוּמָה מֵיינְט, אַז גֶעוֶוענְלִיךְ אִין דִי תּוֹרָה אִיז דָא רֶוַח צְווִישְׁן אֵיין פַּרְשָׁה אוּן דִי צְווֵייטֶע, אָבֶּער צְווִישְׁן פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ אוּן וַיְחִי אִיז נִישְׁט דָא קֵיין לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, נָאר סְ'הֵייבְּט זִיךְ גְלַייךְ אָן וַיְחִי) זָאגְט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעוָואלְט מְגַלֶּה זַיין דֶעם קֵץ הַגְּאוּלָה - דֶעם עֶנְדֶע וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען - פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן סְ'הָאט זִיךְ פַארְהוֹילְן פוּן אִים.

רֶבִּי נָתָן אִין הִלְכוֹת תַּעֲנִית אִיז מַסְבִּיר אוֹיפְן פָּסוּק "הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם" אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט מְגַלֶּה זַיין דֶעם קֵץ אוּן עֶס אִיז פַארְהוֹילְן גֶעוָוארְן פוּן אִים, וַוייל דֶער עִיקַר קֵץ הַגְּאוּלָה אִיז תָּלוּי אִין עֵצָה שְׁלֵמָה וָואס וֶועט נִתְגַלֶּה וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "פֶּלֶא יוֹעֵץ". מָשִׁיחַ וֶועט גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֵצוֹת וָואס וֶועט זַיין גָאר טִיפֶע אוּן שְׁטַארְקֶע עֵצוֹת וִויאַזוֹי צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען אָפְּוֶוענְדְן, פַארְדֶעם וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן "קֵץ הַפְּלָאוֹת" וַוייל אִין דִי צַייט פוּן דִי גְאוּלָה וֶוערְט נִתְגַלֶּה וֶוערְן אָט דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן טִיפֶע עֵצוֹת.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָואלְט מְגַלֶּה זַיין דִי עֵצוֹת פַאר זַיינֶע קִינְדֶער כְּדֵי צוּ מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, אָבֶּער דִי שְׁכִינָה הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן פוּן אִים, וַוייל עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פַארְ'ן בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס פוּן דִי תּוֹרָה וֶוערְט נִמְשָׁךְ דִי אַלֶע שְׁטַארְקֶע עֵצוֹת. פַארְדֶעם הָאט יַעֲקֹב גֶעזָאגְט "הִקָּבְצוּ" עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַז הַיינְט אִיז דִי הוֹיפְּט עֵצָה "הִקָּבְצוּ" מֶען זָאל זַיין בְּשָׁלוֹם אוּן עֶס זָאל אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען זָאל זִיךְ צַאמְנֶעמֶען צוּ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן פוּנֶעם אֶמֶתְ'ן תַּכְלִית אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע עֵצוֹת. מֶען זֶעט טַאקֶע אַז וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט צַאמְגֶענוּמֶען דִי צְוֶועלֶעף שְׁטֵיינֶער אִיז עֶס גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטֵיין וָואס דָאס אִיז דֶער אֶבֶן-שְׁתִיָּה וָואס פוּן דָארְט קוּמְט אַלֶע עֵצוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַלֶע עֵצוֹת בַּיי דִי שְׁטֵיינֶער פוּנֶעם חֹשֶׁן פוּן דִי צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעטְרָאגְן, זֶעט מֶען אוֹיךְ אַז וֶוען אַלֶע שְׁבָטִים - אַלֶע אִידְן זֶענֶען אֵיינְס דֶעמָאלְטְס אִיז דָא אַ קְלָארְקֵייט אוּן אַ שְׁלֵימוּת הָעֵצָה.

כְּדֵי צוּבַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַארְף זַיין אַחְדוּת צְווִישְׁן אִידְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (שִׂיחָה צ"א) אַז אוֹיבּ אַ אִיד ווִיל זַיין אַ מַתְמִיד אוּן קֶענֶען לֶערְנֶען, זָאל עֶר

המשך אויף זייט 3



# לֵייבֶּעלֶע

צְוָואנְצִיג קִילָאמֶעטֶער פוּן שְׁטָאט לוּבְּלִין אִין פּוֹלִין, אִיז דָא אַ אָפְּרוּ-דֶערְפְל וְוִי מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן זִיךְ אָפְּרִיעֶן, מֶען פְלֶעגְט דָארְט גֵיין אוֹיף וַואקַאצְיֶע, אַ פְּלַאץ אַזוֹי וְוִי אַ קָאנְטְרִי.

דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם אָפְּרוּ-דָארְף אִיז נַאלְטְשׁוֹב, אַ בַּאוואוּסְטֶע שְׁטֶעטְל אִין פּוֹלִין. דָארְט אִיז דָא גוּטֶע בֶּעדֶער, אַזוֹי וְוִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פַאר אַסַאךְ קִינְדֶער פוּן דֶער שְׁטָאט מַארִינְבַּאד וואוּ פִּיל רַבֵּיים א.ד.ג פְלֶעגְן גֵיין זִיךְ עֶרְהוֹילְן, אָדֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז בַּאוואוּסְט דִי בֶּעדֶער פוּן חַמֵי-טְבֶרְיָה, - אִין יְמֵי מוֹהֲרַנַ"ת וְוִי ר' נָתָן דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן פַארְצֵיילְט זַיין לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע אוּן הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן שְׁרַייבְּט עֶר אַז עֶר אִיז גֶעוֶועןאִין חַמֵי-טְבֶרְיָה - אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן גֵיין צוּ דִי בֶּעדֶער, עֶס אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק דִי בֵּיינֶער, אַזוֹי זָאגְט מֶען...

אִין דֶעם שְׁטֶעטְל הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ אִיד, ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער. סְ'קֶען זַיין אַז עֶנְק הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶעהֶערְט דֶעם נָאמֶען, רוֹב קִינְדֶער קֶענֶען זַיין נִיגוּן וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, "חִידוּשׁ כְּמוֹתוֹ מֵעוֹלָם לֹא הָיְ' מֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם, מֵהַרְבֵּה עוֹלָמוֹת שְׁמוֹ נֶעְלָם", דֶער נִיגוּן פוּן "הוּא רַבֵּינוּ מְקוֹר חָכְמָה". ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער הי"ד אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גָאר פְלַאקֶערְדִיגֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים אִין פּוֹלִין. עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא סָארְט זִיסֶע שְׁפְּרַאךְ אַז וֶוען אַ אִיד אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית מִדְרָשׁ נָאר בְּטָעוּת, הֶערְנְדִיג וְוִי ר' יִצְחָק לֶערְנְט פָאר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, אִיז עֶר גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעפְּט צוּ זַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן שׁוֹין פַארְבְּלִיבְּן דָארְט!



דער אפרו דארף נאלטשוב היינט-צו-טאג

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן ר' יִצְחָק, אָבֶער לָאמִיר גֵיין צוּ אוּנְזֶער מַעֲשֶׂה. דֶער ר' יִצְחָק אִיז גֶעוָוארְן אַן אֵיידֶעם בַּיי אַ אִיד אִין דֶעם שְׁטֶעטְל, עֶנְק גֶעדֶענְקֶען נָאךְ דִי נָאמֶען, כְ'הָאבּ שׁוֹין אוֹיךְ כִּמְעַט פַארְגֶעסְן, 'נַאלְטְשׁוֹב'.

דָארְט אִין נַאלְטְשׁוֹב אִיז גֶעוֶוען פַיינֶע בֵּיימֶעלֶעךְ אוּן וֶועלְדֶער ר' יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען הֵיימִישׁ אִין דִי וֶועלְדֶער, פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג צוּ מַאכְן דָארְט הִתְבּוֹדְדוּת. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פְלֶעגְט ר' יִצְחָק זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין לוּבְּלִין, דִי שְׁטָאט וואוּ עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן דָארְט אוֹיפְפְלַאקֶערְן זַיין הַארְץ אוּן דִי הֶערְצֶער פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים. גְרַאדֶע

המשך אויף זייט 5

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באוויזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## דֶעם רִיכְטִיגְן שְׁלִיסְל

שַׁבָּת הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעגֶעבְּן דֶער שְׁלִיסְל פוּן זַיין אָפִּיס אַז אִיךְ זָאל אִים גֵיין בְּרֶענְגֶען פוּן דָארְט עֶפֶּעס פַאר דִי סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת. וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיקְגֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דֶעם שְׁלִיסְל אִין לֶעדְל אוּן אִים פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן וואוּ אִיךְ לֵייג עֶס. אוֹיבּ עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אִינְמִיטְן וָואךְ וָואלְט עֶס מַיין טַאטֶע גְלַייךְ גֶענוּמֶען פוּן מִיר אָבֶּער אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת הָאט מַיין טַאטֶע נִישְׁט אִין-אַכְט גֶעלֵייגְט וואוּ אִיךְ לֵייג עֶס.

זוּנְטָאג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר. אִינְדֶערְפְרִי, מַיין טַאטֶע קוּמְט אָן צוּם אָפִּיס אוּן כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט דֶער שְׁלִיסְל. וָואס וֶועט עֶר טוּן? עֶר דַארְף וִויכְטִיג אַרַיינְגֵיין אַרְבֶּעטְן.

נֵס נוּמֶער אֵיינְס: מַיין טַאטְנְס שֻׁתָּף - וֶועלְכֶער וואוֹינְט נִישְׁט אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט - הָאט עֶס גֶעעֶפְנְט אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁפַּארְן אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן אָפְן בִּיז מַיין טַאטֶע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. דֶער אָפִּיס אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָפְן אָבֶּער מַיין טַאטֶע קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין ווייל עֶר קֶען עֶס נִישְׁט פַארְשְׁפַּארְן אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט לָאזְן דֶעם אָפִּיס הֶפְקֵר.

נֵס נוּמֶער צְוֵויי: גְלַייךְ פוּן חֵדֶר הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ מַיין חַבְרוּתָא. אָבֶּער אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט הָאבּ אִיךְ מִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן אַ צֶעטְל אִינְדֶערְהֵיים. עֶס הָאט מִיר גֶעאַרְט אוֹיף מַיין פַארְנַאכְלֶעסִיקַייט. מַיין חַבְרוּתָא וָוארְט שׁוֹין אוּן אִיךְ פַארְזוֹים מִיךְ אַזוֹי לַאנְג. אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעלָאפְן פַארְסַאפֶּעט עֶס נֶעמֶען אוּן גְלַייךְ הָאט מַיין מַאמֶע מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין טַאטֶע זוּכְט זַיין שְׁלִיסְל. עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אָפִּיס. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעגֶעבְן דֶעם שְׁלִיסְל אוּן שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט פַארְגֶעסְן מַיין צֶעטְל.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶס מַאכְט זִיךְ צוּמָאל מַצָּבִים וָואס מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ דוּרְכְפַאל. זַיי זִיכֶער אַז דָאס אִיז אַלֶעס פוּן בַּאשֶׁעפֶער. צוּמָאל זֶעט מֶען דֶער סוֹף אוּן צוּמָאל אִיז עֶס פַארְשְׁטֶעקְט, אָבֶּער אַלֶעמָאל אִיז עֶס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט עֶס אַזוֹי גֶעפִירְט.

---

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין שׁוּם אִידִישׁ קִינְד, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט אַן אוֹת אִין דִי תּוֹרָה, דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז "יִשְׂרָאֵל" אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת "יֵשׁ שִׁשִּׁים רִבּוֹא אוֹתִיּוֹת לְתּוֹרָה". אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט אַ חִסָּרוֹן אִין אַ אִיד אִיז דָא אַ חִסָּרוֹן אִין דִי תּוֹרָה אוּן קֶען מֶען נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה בִּשְׁלֵימוּת. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן נִישְׁט אִין אִים טְרֶעפְן אַ חִסָּרוֹן, קוּמְט אוֹיס אַז דִי תּוֹרָה אִיז גַאנְץ אָן אַ פֶעלֶער וֶועט מֶען דַאן זִיכֶער לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן אִיר לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט.

זֶעט מֶען אוֹיךְ פוּן דֶעם שִׂיחָה אַז דוּרְךְ אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל וֶועט מֶען זַיין גֶעבִּינְדְן צוּ דִי תּוֹרָה אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען טְרֶעפְן אַלֶע עֵצוֹת פַאר אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוּן עֶס וֶועט פַארְרַאכְטְן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן עֵצָה פוּן "הִקָּבְצוּ".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לֶעכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת נָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען שׁוֹין מוּזְן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג דָאס צוּ זֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן. אָמֵן

# א שמועס מיט'ן זיידן




דֶער רֶבִּי זַ"ל לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן שְׁטִיל אוּן בַּאשֵׁיידְן, 'בְּהַצְנֵעַ לֶכֶת', נִישְׁט זוּכְן זִיךְ צוּ אַרוֹיסְוֵוייזְן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט, ווייל ווען אַ אִינְגְל דִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּאשֵׁיידְן קֶען עֶר בֶּענְטְשְׁן זַיין בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט כַּוָּונָה, עֶר אַלֵיין מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער אוֹיבּ זוּכְט מֶען צוּ גֶעפֶעלְן פַאר אַנְדֶערֶע, דֶעמָאלְט גֵייט מֶען אַרַיין אִין אַזֶעלְכֶע דְמִיוֹנוֹת, 'וֶוער קוּקְט אוֹיף מִיר?' אוּן 'וֶוער זֶעהְט מִיר?' א.ד.ג. אַזוֹי אַז מֶען פַארְלִירְט אִינְגַאנְצְן דֶעם דַעַת פַאר וועמֶען מֶען בֶּענְטְשְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זַיין עִיקָר עֲבוֹדָה אִין דִי יוּגְנְט יָארְן גֶעטוּהְן שְׁטִיל אוּן פַארְבָּארְגְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט זַיינֶע גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת. עֶר הָאט זִיךְ גֶעוִויזְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֵייעֶר פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט, אָבֶער פוּן אִינֶעוֵוייניִג, בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן גַאנְצְן פְלַאם, נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען פוּן הִימְל הָאט מֶען גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל נִתְגַלֶּה וֶוערְן, הָאט מֶען זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְוואוּסְט פוּן זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקַייט. אוּן וָואס מִיר ווייסְן אִיז נָאר אַ קְלֵיין פִּינְטְל פוּן זַיין אֱמֶת'ע הַשָּׂגָה וָואס מִיר ווייסְן גָארְנִישְׁט!

אָבֶער צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ ווֵיינֶען אוּן בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל קֶענֶען דִיךְ דִינֶען מִיט תְּמִימוּת אוּן פָּשׁוּט אָן צוּ וֶועלְן אֵיינֶעם גֶעפֶעלְן. נִישְׁט דִי קִינְדֶער פוּן חֵדֶר, נִישְׁט דֶער גַאס, נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס דֶער אָדֶער יֶענֶער הַאלְט פוּן מִיר"...

דֶער רֶבִּי' זַ"ל הָאט אַמָאל צוּגֶערוּפְן זַיין טָאכְטֶער אָדֶל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם אוּן אִיר דֶערְצֵיילְט אַזַא מַעֲשֶׂה: "ס'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ רָב, וֶוען עֶר פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען בַּיי אִים אִין צִימֶער, הָאט עֶר גֶעהֶערְט עֶפֶּעס קְלַאפְּט זִיךְ אוּן שְׁטוּפְּט זִיךְ אַזוֹי נֶעבְּן זַיין טִיר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז דִי חֲסִידִים שְׁטוּפְּן זִיךְ דָארְט צוּ הֶערְן ווִי שֵׁיין עֶר דַאווְנְט, הָאט עֶר דֶערְפַאר גֶעדַאווְנְט הֶעכֶער אוּן שֶׁענֶער, גֶעדְרֵייט אוּן גֶעזוּנְגֶען אוֹיפְן קוֹל אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט. ווען ס'אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיקְל צַייט הָאט עֶר אֵיינְמָאל בַּאשְׁלָאסְן צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר אוּן זֶען וֶוער זֶענֶען דִי חֲסִידִים וָואס שְׁטוּפְּן זִיךְ דָארְט אַזוֹי. ווען עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז אַפָּאר קֶעצְעלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ אַרוּמְגֶעקְרִיגְט נֶעבְּן טִיר אוּן גֶעשְׁטוּפְּט אוּן גֶעקְרַאצְט אוֹיפְן טִיר....

ס'אִיז אַלֶעס נָאר גֶעוֶוען אַ בְּלוֹיזֶע דְמִיוֹן"...

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט פַאר זַיין טָאכְטֶער, "קוּמְט אוֹיס אַז עֶר גֶעדַאוְונְט אַ לַאנְגֶע צַייט פַאר דִי קֶעץ רַחֲמָנָא לִצְלַן"..... לָאמִיר זַיין אֱמֶת'דִיג אוּן זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת, דִינֶען נָאר דֶעם אֵיין אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

# לֵייבֶּעלֶע

הָאט עֶר אִין נַאלְטְשׁוֹב אוֹיךְ מְקַרֵב גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגְקַייט.

ר' יִצְחָק הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעגְלֵייבְּט אִין רֶבִּי'נְ'ס רֵייד, אַז יֶעדֶער אִיד הָאט טִיף אִין זִיךְ אַ בַּאהַאלְטֶענֶע אֱמוּנָה, אֲפִילוּ עֶר אִיז נֶעבֶּעך טִיף גֶעפַאלְן הָאט עֶר אַ נְקוּדָה טוֹבָה וָואס קֶען אִים צוּרִיקבְּרֶענְגֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אַיי עֶר אִיז נֶעבֶּעך טִיף גֶעפַאלְן, דָאס אִיז וַוייל עֶר גְלֵייבְּט נֶעבֶּעך נִישְׁט אִין זַיינֶע כּוֹחוֹת, עֶר וִויל עֶנְדֶערְשׁ גְלֵייבְּן דֶעם בַּעַל דָבָר וָואס רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד. דָאס שְׁלֶעפְּט אִים לַיידֶער אַרַיין אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן אַזוֹי וֶוערְט נֶעבֶּעך פַארְשְׁטֶעלְט דִי אֱמוּנָה. אָבֶּער אַזַא אִיד וִוי ר' יִצְחָק - מִיטְן כֹּחַ פוּנֶעם גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקַייט צוּ אוֹיפְפְלַאקֶערְן דָאס הַארְץ פוּן אַזַא אִיד.

וֶוען ר' יִצְחָק הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין שְׁטֶעטְל נַאלְטְשׁוֹב הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי גֶעפִירְט אַז עֶר זָאל רַאטֶעוֶוען צְווֵיי נְשָׁמוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

אֵיין אִיד הָאט גֶעהֵייסְן יִשְׂרָאֵל מֵאִיר הַכֹּהֵן, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאווּאוּסְט אַז עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַלֶע סָארְט אַייזְן-אַרְבֶּעט, אוּן פוּן

המשך פון זייט 2

זַיין אַרְבֶּעט אוֹיס פְלֶעגְט עֶר אַרוּמְפָארְן צוּ אַלֶע שְׁטֶעטֶעלֶעך אַרוּם אוּן אַרוּם צוּ פַארְרֶעכְטְן שְׁוַואכֶע, אַלְטֶע דֶעכֶער. עֶר פְלֶעגְט שֵׁיין פַארְדִינֶען פוּן זַיין אַרְבֶּעט, אָבֶּער זַיין אִידִישֶׁע שְׁטֶעלֶע - זַיין אִידִישֶׁע נְשָׁמָה הָאט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְדִינְט פוּן דֶעם, פַארְקֶערְט, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ חַבֶרְ'ן מִיט דִי פּוֹיעֶרְן, פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי אִין דִי קְרֶעטְשְׁמֶעס אוּן אִיךְ וֵוייס וִוי נָאךְ, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ נֶעבֶּעך צוּבִּיסְלֶעךְ אַרָאפְּגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן אִידִישְׁן וֶועג, מֶער אוּן מֶער.

זַיין זוּן לֵייבֶּעלֶע וִויל אָבֶּער נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט דִי אַלֶע גוֹיִם. שְׁטֶעלְטְס אַייךְ פָאר אַ וואוּילֶע אִינְגְל לֵייבֶּעלֶע, וָואס זַיין טַאטֶע אַרְבֶּעט מִיט דִי עֲרֵלִים אוּן פָּרִיצִים אוּן זַיין טַאטֶע וֶוערְט אַ חַבֶר מִיט זֵיי וִוי אַזוֹי וֶועט זִיךְ לֵייבֶּעלֶע דֶערְהַאלְטְן?

הֶמְשֵׁךְ בעז"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

דִי מַעֲשֶׂה אִיז בעז"ה שֵׁיין פַארְצֵיילְט אִין מַתְמִידִים "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ", גֶענוּמֶען מִיט רְשׁוּת פוּן סֵפֶר "אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד".

דאס אינגל וואס האט אריינגעקלינגען מיט א מעשה'לע, זיין טעלעפאן ענדיגט זיך מיט די נומערן 0628 קען נאכאמאל קלינגען און עס אריינזאגן מער קלאר.
מיר בעטן אלע טייערע קינדער וואס לאזן איבער מודעות. יעדע איינציגע מודעה ווערט בעז"ה אויסגעהערט אבער טאמער מען לאזט איבער מודעות, מעסעדשעס וואס איז נישט וויכטיג אדער קלאר, איז עס א שאד פאר די צייט פון די חשוב'ע אינגלייט וואס געבן אוועק גאר אסאך טעג און שעות צוצושטעלן דעם גליון מיטן טעל-ליין פון דעם רבי'נס ליכט'. מיט פיל דאנק

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' חיים ישעי' חנון הי"ו
לרגל אירוסין של בנו אשר זעליג למזל טוב

# דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז גוּטֶע מִדּוֹת...

**בִּטָּחוֹן** אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע מִידָּה צוּ קֶענֶען ווַאקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת "עַל-יְדֵי בִּטָּחוֹן הָאָדָם נִפְלָט מִצָּרוֹתָיו." דוּרְךְ בִּטָּחוֹן גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע צָרוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן אִיז: "נָאר בִּטָּחוֹן".

ווָאס מֵיינְט בִּטָּחוֹן? בִּטָּחוֹן מֵיינְט זִיכֶערְקַייט. כְּדֵי אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָנְשְׁפַּארְן אוֹיף אַ בֶּעט דַארְף עֶר זַיין זִיכֶער אַז דִי בֶּעט אִיז שְׁטַארְק אוּן פֶּעסְט דֶעמָאלְס קֶען עֶר זִיךְ פַּארְלָאזְן אוּן אָנְלַאנֶען אוֹיף דֶעם, אַזוֹי אוֹיךְ כְּדֵי אַ אִיד זָאל זִיךְ פַּארְלָאזְן אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער דַארְף עֶר זַיין "זִיכֶער" אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ כֹּל-יָכוֹל, עֶר קֶען אַלֶעס, אוּן זַיין יְשׁוּעָה קֶען קוּמֶען נָאר פוּן אוֹיבֶערְשְׁטְן אַלֵיין!

מִיר זֶעעֶן אַסַאךְ מָאל קִינְדֶער ווָאס פִילְן זִיךְ זִיכֶער מִיט זִיךְ, צוּם בַּיישְׁפִּיל דֶער מַשְׁגִּיחַ גֵייט פַארְהֶערְן דִי קִינְדֶער, אוּן אַלֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן פְּרָאבִּירְן חַזֶר'ן ווָאס מֶער, אוּן דִי קִינְדֶער דְרֵייעֶן זִיךְ רוּאִיג, זֵיי ווַייזְן אַ פָּנִים אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג מִיט זֵיי, עֶס קוּקְט אוֹיס פוּן אַ דְרוֹיסְנְדִיגֶע בְּלִיק אַז זֵיי זֶענֶען מַמָּשׁ גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי בִּטָּחוֹן... אָבֶער אוֹיב ווֶעט מֶען אַרַיינְקוּקְן טִיפֶער ווֶעט מֶען זֶען אַז זֵיי פַּארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר גוּטְן זִכָּרוֹן, אָדֶער קְלוּגְשַׁאפְט ווָאס זֵיי הָאבְּן א.ד.ג. דָאס מֵיינְט נִישְׁט קֵיין בִּטָּחוֹן! אֱמֶת'ע בִּטָּחוֹן אִיז נָאר ווֶען מֶען פַּארְזִיכֶערְט זִיךְ אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער! - ווַייל אוֹיב דָאס קִינְד ווֶעט נִישְׁט הָאבְּן דִי זַאךְ ווָאס אוֹיף דֶעם פַּארְלָאזְט עֶר זִיךְ, ווִי כִּשְׁרוֹנוֹת אָדֶער שְׁטַארְקַייט א.א.וו. ווֶעט עֶר ווַייטֶער בְּלַייבְּן נִישְׁט זִיכֶער, אָבֶער ווֶען מֶען פַּארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיפְן אוֹיבֶערְשְׁטְן מֶען קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל ווֶען מֶען דַארְף הִילְף דָאס אִיז אֱמֶת'ע בִּטָּחוֹן אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן בַּיים בֶּענְטְשְׁן "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בה' - וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ" ווָאוִיל אִיז פַאר דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס דֶער אוֹיבֶערְשְׁטֶער אִיז זַיין זִיכֶערְקַייט דֶעמָאלְס ווֶעט עֶר אֵייבִּיג זַיין פַּארְזִיכֶערְט.

דִי זַאךְ דַארְף מֶען גוּט נֶעמֶען אִין גֶעדַאנְק, ווַייל דֶער בַּעַל דָבָר דְרֵייט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם עֶר זָאל טוּהְן אוּן מַאכְן זַאכְן אוּן זִיךְ פְּרָאבִּירְן מְסַדֵּר זַיין מִיט אַלֶע ווֶעגְן, נָאר נִישְׁט הָאפְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. לָאמִיר נֶעמֶען אַ מָשָׁל: אַ אִינְגֶל ווָאס אַ חָבֵר הָאט אִים אָפְּגֶעטוּן אַ גוּט שְׁטִיקְל, ווָאס גֵייט עֶר טוּן?? דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער אַלְטֶער זְעצֶער אוּן גִיבְּט אִים זַיינֶע עֵצוֹת: ... "גִיבּ אִים

# בִּטָחוֹן...



צוּרִיק!... זָאל עֶר זֶען אַז מִיט דִיר הֵייבְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט אָן...!" "דֶערְצֵייל פַּאר אַלֶע קִינְדֶער וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן"... אַזוֹי הֵייבְּט דִי מַחֲשָׁבָה אָן צוּ לוֹיפְן, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גִיבְּט אוּנְז אַנְדֶערֶע עֵצוֹת... דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אֵיין מִינוּט, פְּרֶעג זִיךְ אַלֵיין, 'וֶוער קֶען מִיר הֶעלְפְן?? וֶוער קֶען מִיר רַאטֶעוֶוען דָא? נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער!' לָאמִיר אוֹיפְהֵייבְּן דִי אוֹיגְן בֶּעטְן פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ דִי יְשׁוּעָה, נָאךְ וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט דִי זִיכֶערְקַייט אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען שׁוֹין אַנְדֶערֶע עֵצוֹת אִינְגַאנְצְן וִוי אַזוֹי צוּ טוּן אוּן זִיךְ פִירְן.

ר' נָתָן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז בִּטָחוֹן אִיז נִישְׁט נָאר עֶפֶּעס אַ גוּטֶע הַנְהָגָה, נָאר בִּטָחוֹן בּוֹיעֶט אַ כְּלִי אִינֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי יְשׁוּעָה וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַּרְנָסָה עֶפְּנְט עֶר אַ גֶעשֶׁעפְט, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אַן אַרְבֶּעט, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ כְּלִי וָואס דוּרְךְ דִי זַאךְ קֶען עֶר פַּארְדִינֶען גֶעלְט, זָאגְט ר' נָתָן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן פַאְרזִיכֶערְט זִיךְ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, מִיט דִי בִּטָחוֹן אַלֵיין בּוֹיעֶט עֶר אַ כְּלִי פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעטוּן אַסַאךְ הִשְׁתַּדְלוּת, וָואס מֶער בִּטָחוֹן מֶען הָאט, דַארְף מֶען וֵוייניִגֶער טוּן אוּן אַרְבֶּעטְן!

דֶער רֶבִּי זַ"ל גִיבְּט אוּנְז אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בִּטָחוֹן.

– בִּטָחוֹן בָּא עַל-יְדֵי יִרְאַת-שָׁמַיִם. וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בִּטָחוֹן.

– מִי שֶׁאֵין לוֹ מִדַּת הַבִּטָחוֹן, יִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ שֶׁלֹּא לְבַיֵּשׁ שׁוּם אָדָם גַּם יִזָּהֵר לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנַת הַלֵּב. וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין בִּטָחוֹן זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ דַאוֶונֶען מִיט כַּוָּונָה אוּן מִיט הַארְץ.

– מִי שֶׁאֵין לוֹ בִּטָחוֹן, יָקוּם קֹדֶם אוֹר הַבֹּקֶר וְיֹאמַר בַּקָּשׁוֹת בְּקוֹל רָם. וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין בִּטָחוֹן אִיז זַיין עֵצָה עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי פַאר דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף אוּן זָאגְן בַּקָּשׁוֹת הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל.

אַזוֹי אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי גִיבְּט צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בִּטָחוֹן וָואס דָאס קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן יֶעדֶע צָרָה אוּן שְׁוֶועריִגְקַייט "מִי שֶׁבָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא מַצִּילוֹ מִכָּל צָרוֹת"

# דִי צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה 1




**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶועןאֵיין בַּעַל תְּפִלָּה.** וָואס עֶר הָאט תָּמִיד נָאר עוֹסֵק גִיוֶוען אִין תְּפִלּוֹת אוּן שִׁירוֹת אוּן תּוּשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר אִיז גִיזֶעסִין חוּץ לְיִשּׁוּב.

**אוּן זַיין סֵדֶר אִיז גִיוֶוען.** עֶר פְלֶעגְט אַמָאל אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין. אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרַיין צוּגֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ מֶענְשְׁן מִן הַסְתָּם פְלֶעגְט עֶר אַרַיין גֵיין צוּ קְלֵיינֶע לַייט. דְהַיְינוּ אָרִימֶע לַייט אוּן נָאךְ אַזוֹי אֵיין גְלַייכִין.

**אוּן עֶר פְלֶעגְט** מִיט דֶעם מֶענְשְׁן אָנְהֵייבִּין צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. בַּאֲשֶׁר אַז צוּם אֱמֶת אִיז קֵיין שׁוּם תַּכְלִית נִיט פַארְהַאנְדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. **נָאר מֶע זָאל גָאט דִינֶען ווייל מֶע לֶעבְט.** אוּן מֶע זָאל זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי יָארִין נָאר מִיט תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ'.

**אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ צוּ שְׁמוּסְן** מִיט דֶעם מֶענְשְׁן אַזוֹינֶע רֵייד וָואס עֶר זָאל יֶענֶעם דֶערְוֶועקִין. בִּיז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען יֶענֶעם אִין דֶעם הַארְצִין אַרַיין. **בִּיז דֶער מֶענְשׁ אִיז מְרוּצֶה גִיוָוארְן** אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּם אִים בַּאהֶעפְטִין.

**אוּן תֵּיכֶף וִוי דֶער מֶענְשׁ אִיז מְרוּצֶה גִיוָוארְן** מִיט אִים. הָאט עֶר אִים תֵּיכֶף גִינוּמֶען אוּן הָאט אִים גִיפִירְט אוֹיף זַיין אָרְט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט חוּץ לְיִשּׁוּב (דְהַיְינוּ אַרוֹיס פוּן דֶעם יִישׁוּב. נִיט וִוי מֶענְשְׁן זִיצִין)

**וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.** הָאט זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אָרְט חוּץ לְיִישׁוּב.

**אוּן דָארְט אִיז גִיוֶוען** אַ טַייכִיל אוּן בֵּיימֶער, אוּן פֵּירוֹת אִיז דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען. אוּן זֵיי פְלֶעגִין עֶסִין פוּן דִי פֵּירוֹת. **אוּן אוֹיף קְלֵיידֶער הָאבִּין זֵיי גָאר נִיט גִיקוּקְט. וִוי מֶע גֵייט גֵייט מֶען.**

**אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט** זַיין סֵדֶר צוּ זַיין פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה תָּמִיד. וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין.

**אוּן פְלֶעגְט אִיבֶּער רֵידִין מֶענְשְׁן** אַז זֵיי זָאלִין גֵיין מִיט זַיין וֶועג אַז זֵיי זָאלִין נָאר גָאט ב"ה דִינֶען זֵיי זָאלִין נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלּוֹת וְכוּ' אוּן וֶוער סֶע הָאט אִים צוּ גִיהֶערְט פְלֶעגְט עֶר אִים צוּ נֶעמֶען אוּן פְלֶעגְט אִים פִירִין אוֹיף זַיין אָרְט חוּץ לְיִישׁוּב כַּנַּ"ל.

**אוּן זֵיי פְלֶעגִין דָארְט עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תְּפִלּוֹת אוּן שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** אוּן ווידוּיִים אוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים (דְהַיְינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ דֶעם גוּף) אוּן תְּשׁוּבָה אוּן דֶעסְט גְלַייכִין אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זֵיי גִיבִּין זַיינֶע חִיבּוּרִים (דְהַיְינוּ סְפָרִים) וָואס עֶר הָאט גִיהַאט פוּן תְּפִלּוֹת אוּן שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת אוּן ווידוּיִים.

**אוּן זֵיי פְלֶעגִין עוֹסֵק זַיין דְרִינֶען תָּמִיד.** בִּיז סֶע פְלֶעגְט זִיךְ שׁוֹין צוּ גִיפִינֶען צְווִישִׁין זַיינֶע מֶענְשְׁן. וָואס עֶר הָאט אַהִין גִיבְּרַאכְט אַזוֹינֶע וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אוֹיךְ גִיקָאנְט בְּרֶענְגֶען מֶענְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. פְלֶעגְט עֶר אַמָאל גִיבִּין רְשׁוּת צוּ אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מֶענְשְׁן. אַז עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין אוּן זָאל דֶערְוֶועקִין מֶענְשְׁן צוּם אֵייבִּירְשְׁטְן. אַז זֵיי זָאלִין נָאר גָאט דִינֶען.

**אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** זִיךְ אַלְץ גִיפִּירְט. אוּן פְלֶעגְט אַלֶע מָאל מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן. אוּן פְלֶעגְט זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם יִישׁוּב כַּנַּ"ל. בִּיז סֶע אִיז גִיוָוארִין אֵיין רוֹשֶׁם אוֹיף דֶער וֶועלְט (כְּלוֹמֶר מֶען הָאט דִי זַאךְ אָנְגִיזֶעהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט)

**אוּן דִי זַאךְ הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין מְפוּרְסָם צוּ וֶוערִין.** וָוארִין פְּלוּצִים זֶענֶען פַארְפַלִין גִיוָוארִין מֶענְשְׁן פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן מֶען הָאט נִיט גְוואוּסְט ווִי זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען. בַּיי דֶעם אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין אֵיין זוּן בַּיי דֶעם אֵיין אֵיידִים.

**אוּן מֶען הָאט נִיט גְוואוּסְט** וואוּ זֵיי זֶענֶען. בִּיז מֶען אִיז גִיוָואר גִיוָוארִין. אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. וָואס עֶר גֵייט אוּם אוּן רֶעט אָן מֶענְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. נָאר חַאפְּן הָאט מֶען אִים נִיט גִיקָאנְט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זִיךְ פִירִין מִיט גְרוֹיס חָכְמָה. אוּן פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיטְלִיכְן פַארְשְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ.

**בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט** פַאר אֵיין אָרִים מַאן. אוּן בַּיי דֶעם פַאר אֵיין סוֹחֵר. אוּן בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט. אוּן דֶערְצוּ אַז עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען שְׁמוּסִין מִיט אַ מֶענְשְׁן. אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר קָאן בַּיי דֶעם מֶענְשְׁן נִיט פּוֹעֶלִין דָאס וָואס עֶר ווִיל.

**פְלֶעגְט עֶר דֶעם מֶענְשְׁן אַזוֹי פַארְדְרֵיעֶן** מִיט רֵייד. בִּיז סֶע גָאר נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ פַאלְן אַז עֶר מֵיינְט דָאס דָאזִיגֶע דְהַיינוּ אַז עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ שְׁטוֹיסִין זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאס. חָאטְשֶׁע צוּם אֶמֶת אִיז גָאר זַיין כַּוָּונָה גִיוֶוען נָאר דָאס.

**וָוארִין וָואס עֶר הָאט גִישְׁמוּסְט אוּן גִירֶעט** מִיט לַייט. הָאט עֶר מֶער נִיט גִימֵיינְט נָאר דָאס. דְהַיינוּ אַז עֶר זָאל מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. נָאר ווִי עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר פּוֹעֶלְט בַּיי דֶעם נִיט.

**פְלֶעגְט עֶר אִים אַזוֹי מְרַמֶּה זַיין** אוּן פַארְשְׁטֶעלִין מִיט רֵייד בִּיז יֶענֶער הָאט גִימֵיינְט אַז עֶר ווִיל גָאר נִיט דָאס. (אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה נִיט גִיקָאנְט חַאפִּין)

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה עוֹסֵק גִיוֶוען אַלְץ** אִין דֶער זַאךְ כַּנַּ"ל בִּיז סֶע גִיוָוארִין אַ רוֹשֶׁם אוּן אַ פִּרְסוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן מֶע הָאט גִיוָואלְט אִים חַאפִּין נָאר סֶע אִיז נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען כַּנַּ"ל.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט זַיינֶע לַייט גִיזֶעסִין** חוּץ לְיִישׁוּב. אוּן זֵיי הָאבִּין עוֹסֵק גִיוֶועק נָאר אִין תְּפִלָּה אוּן שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא אוּן ווִידוּיִים אוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים אוּן תְּשׁוּבוֹת.

**אוּן דִי זַאךְ פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** אִיז גִיוֶוען עֶר הָאט גִיקֶענְט אִיטְלִיכְן מַסְפִּיק זַיין (כְּלוֹמֶר עֶר זָאל אִיטְלִיכְן גִיבִּין) וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט. אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אִין אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע לַייט. אַז נָאךְ זַיין מוֹחַ נָאךְ. בַּאדַארְף עֶר צוּ גָאטְס דִינְסְט. אַז עֶר זָאל גֵיין אָנְגִיטָאן אִין גִילְדְן גִישְׁטִיק. הָאט עֶר עֶס אִים מַסְפִּיק גִיוֶוען אוּן אַזוֹי פַארְקֶערְט.

**אַמָאל אִיז צוּ אִים מְקוּרָב גִיוָוארְן** אֵיין עוֹשֶׁר אוּן עֶר הָאט אִים אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן דֶעם יִישׁוּב. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער עוֹשֶׁר בַּדַארְף צוּ גֵיין אָפְּגִירִיסְן. הָאט עֶר אִים אַזוֹי גִיפִירְט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גְוואוּסְט. ווִי אַזוֹי מֶע בַּאדַארְף אִיטְלִיכִין צוּ פִירִין אַזוֹי הָאט עֶר אִים מַסְפִּיק גִיוֶוען.

**אוּן בַּיי דִי מֶענְשְׁן וָואס עֶר הָאט זֵיי מְקָרֵב גִיוֶוען** צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אִיז בַּיי זֵיי אַ תַּעֲנִית אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער סִיגוּף (דְהַיינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ) טַייעֶרֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער

װֶעלְט. װָאוּרִין זַיי הָאבִּין גִיהַאט תַּעֲנוּג פוּן דֶעם גְרֶעסְטִין סִיגוּף אָדֶער פוּן אַ תַּעֲנִית מֶער אֵיידֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער װֶעלְט.

**וַיְהִי הַיּוֹם אוּן סֶע גִיוֶוען אַ מְדִינָה.** װָאס דָארְט אִיז גִיוֶוען גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. זַיי זֶענֶען אַלֶע גִיוֶוען עַשִׁירִים נָאר דָאס פִּירִיכְץ פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִיוֶוען זַייעֶר מִיצַר.

**װָאוּרִין סֶע הָאט זִיךְ בַּיי זַיי אַלְץ גִיפִירְט װֶעדְלִיג** דֶעם עַשִׁירוּת. אִיטְלִיכִינְס מַעְלָה אוּן אִיטְלִיכִינְס כָּבוֹד. אִיז נָאר גִיוֶוען װֶעדְלִיג זַיין עַשִׁירוּת. סֶע אִיז בַּיי זַיי אוֹיסְגִיזֶעצְט גִיוֶוען. אַז דֶער װָאס עֶר הָאט זַיין אֵייגֶענְס אַזוֹי פִיל אַלָפִים אָדֶער רְבָבוֹת (פִיל טוֹיזִינְט) גֶעלְט. קוּמְט אִים דִי מַעְלָה אוּן דֶער כָּבוֹד.

**אוּן דֶער װָאס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל גֶעלְט** קוּמְט אִים אֵיין אַנְדֶערֶע מַעְלָה. אוּן אַזוֹי אַלֶע מַעְלוֹת בַּיי זַיי אִיז אַלְץ גִיוֶוען װֶעדְלִיג דֶעם גֶעלְט װָאס אִיטְלִיכֶער הָאט גִיהַאט.

**אוּן דֶער װָאס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל** אֲלָפִים וּרְבָבוֹת. װִי אַזוֹי סֶע דָארְט בַּיי זַיי אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶוען דֶער אִיז שׁוֹין אַ מֶלֶךְ.

**אוּן אַזוֹי הָאבִּין זַיי גִיהַאט פָּאנֶען.** אַז דֶער װָאס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט. אִיז עֶר אִין דֶער פָּאן. אוּן סֶע קוּמְט אִים דִי מַעֲלָה אוּן דֶער כָּבוֹד אִין דֶער פָּאן. אוּן דֶער װָאס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט. אִיז עֶר אִין אֵיין אַנְדֶערֶע פָּאן. אוּן סֶע קוּמְט אִים דָארְט דִי מַעֲלָה אִין יֶענֶער פָּאן. אַלְץ װֶעדְלִיג זַיין גֶעלְט.

**אוּן סֶע בַּיי זַיי אוֹיף אַלִימֶען אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶוען** װִיפִיל גֶעלְט עֶר זָאל הָאבִּין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין דִי מַעֲלָה אִין דֶער פָּאן. אוּן װִיפִיל גֶעלְט עֶר זָאל הָאבִּין אַז עֶר זָאל שׁוֹין זַיין אִין אֵיין אַנְדֶערֶע פָּאן. אוּן זָאל דָארְט עֶפֶּעס הָאבִּין אֵיין מַעֲלָה. אוּן אַ כָּבוֹד.

**אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכְן מֶענְטְשְׁנְס כָּבוֹד** אוּן גָאר זַיין מַעְלָה אִיז אַלְץ גִיוֶוען רַק װֶעדְלִיג זַיין גֶעלְט װָאס עֶר הָאט גִיהַאט. אַזוֹי װִי בַּיי זַיי אִיז אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶוען אוֹיף אִיטְלִיכֶער מַעֲלָה אוּן כָּבוֹד װִיפִיל גֶעלְט עֶר בַּאדַארְף צוּ הָאבְּן.

**אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי זַיי אוֹיסְגִיזֶעצְט** גִיוֶוען. אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי פִיל גֶעלְט. אִיז עֶר אַ גְלַאטֶער מֶענְשׁ. אוּן אַז עֶר הָאט אָבֶּער נָאךְ װֵיינִיגֶער. אִיז עֶר שׁוֹין גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט. נָאר עֶר אִיז אַ חַיָה אָדֶער אֵיין עוֹף. (דְהַיינוּ דָאס אִיז נָאר אַ חַיָה װָאס הָאט אַ פָּנִים װִי אַ מֶענְשׁ).

**אוּן סֶע אִיז בַּיי זַיי גִיוֶוען חַיוֹת אוּן עוֹפוֹת** דְהַיינוּ אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי אַבִּיסִיל גֶעלְט אִיז דָאס נָאר אַ לֵייבּ דָאס אִיז אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶער לֵייבּ אוּן אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי אַבִּיסְל גֶעלְט אִיז עֶר נָאר אֵיין עוֹף.

**אוּן אַזוֹי הָאבִּין זַיי גִיהַאט אַנְדֶערֶע** חַיוֹת אוּן עוֹפוֹת. װָאוּרִין דֶער װָאס עֶר הָאט װֵינִיג גֶעלְד. דֶער אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט בַּיי זַיי. נָאר עֶר אִיז אַ חַיָה אָדֶער אֵיין עוֹף.

**װָאוּרִין בַּיי זַיי אִיז דֶער עִיקָר דָאס גֶעלְט גִיוֶוען.** אוּן דִי מַעְלָה אוּן דֶער כָּבוֹד פוּן אִיטְלִיכְן אִיז נָאר גִיוֶוען װֶעדְלִיג דֶעם גֶעלְט.

**הָאט מֶען גִיהֶערְט אוֹיף דֶער װֶעלְט אַז סֶע אִיז** פַּארְהַאנְדִין אַזוֹי אַ מְדִינָה.

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זַייעֶר אַ גְרוֹיסִין קְרֶעכְץ גִיטָאן דְרוֹיף.**

אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט װֶער װֵייסְט. װִי הִין דִי דָאזִיגֶע קָאנֶען פַּארְגֵיין דוּרְךְ דֶעם.

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**

דער געווינער פון "גאר מיין זאך איז תפלה" צייטליך שבת אינדערפרי פרשת ויגש ביים דאווענען איז

**הילד החשוב מרדכי יהודה הייליפרין,**

אלע קינדער וואס האבן געווינען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש אדער אין בן איש חי 54 דירה 11

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעפטע מעשה (1) - מבעל תפילה

**א. אין וואס האט דער בעל תפילה שטענדיג עוסק געווען?**

- ☐ אין תפילות
- ☐ אין שירות און תשבחות צו השי"ת
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואו איז דער בעל תפלה געזעסן?**

- ☐ אין בית המדרש
- ☐ אין ישוב
- ☐ חוץ לישוב

**ג. צו וועלכע סארט מענטשן פלעגט דער בעל תפילה צו אריין גיין?**

- ☐ מן הסתם צו ארימע לייט
- ☐ מן הסתם צו רייכע מענטשן
- ☐ מן הסתם צו גבורים

**ד. וואס האט דער בעל תפלה געזאגט אז וואס איז דער תכלית אויף דער וועלט?**

- ☐ נאר מ'זאל דינען דעם אויבערשטן
- ☐ נאר צו טאהן אין משא ומתן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. ווען א מענטש איז מרוצה געווארן צו אים, צו וואו האט ער אים געפירט?**

- ☐ אין זיין בית המדרש
- ☐ אין זיין שטוב
- ☐ אויף זיין ארט חוץ לישוב

**ו. וואס איז דארטן געווען?**

- ☐ א טייך
- ☐ביימער און פירות
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. אויף וואס האבן זיי גאר נישט געקוקט?**

- ☐ אויף וואו צו שלאפן
- ☐ אויף קליידער
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. אין וואס האבן זיי דארטן עוסק געווען חוץ לישוב?**

- ☐ אין תפלות שירות ותשבחות
- ☐ אין ווידויים און תעניתים און סיגופים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. ווען האט ער געגעבן פאר זיינע מענטשן רשות אריין צוגיין אין ישוב צו דערווערקן מענטשן צום אייבערשטן?**

- ☐ גלייך ווען מ'איז געקומען צו אים
- ☐ ווען זיי זענען שוין געווארן גרויסע צדיקים
- ☐ ווען זיי האבן שוין געקענט ברענגען מענטשן צו השי"ת

**י. וויאזוי איז מען געווארן געווארן פון דעם בעל תפלה?**

- ☐ ווייל פלוצים זענען פארלוירן געווארן מענטשן און מ'האט נישט געוואוסט אוואו זיי זענען
- ☐ ווייל פלוצים איז ביי איינעם פארלוירן געווארן א זוהן און מ'האט נישט געוואוסט אוואו ער איז
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. פארוואס האט מען נישט געקענט כאפן דעם בעל תפלה?**

- ☐ ווייל ער פלעגט זיך ביי יעדעם פארשטעלן אנדערש ביי איינעם וואו א ארימאן און ביי איינעם וואו א סוחר
- ☐ ווייל ער איז געווען א רואה ואינו נראה
- ☐ ווייל ער האט געמאכט א מופת מ'זאל אים נישט קענען כאפן

**יב. וואס איז געווען טייערער ביי די מענטשן פון בעל תפילה מער פון אלע תענוגים?**

- ☐ גאלד און זילבר
- ☐ כבוד
- ☐ א תענית און דער גרעסטער סיגוף

**יג. ווער האט געקענט זיין קעניג אין די מדינה פון עשירות?**

- ☐ ווער ס'האט געהאט אזויפיל אלפים ורבבות, וואס איז געווען ביי זיי אפגעמאכט אז פאר אזויפיל געלט איז מען א קעניג
- ☐ ווער ס'איז געווען זייער שטארק
- ☐ דער אייניקל פון ערשטן קעניג

**יד. ווער האט געהייסן א 'חי' אדער א עוף אין די מדינה?**

- ☐ ווער ס'האט זיך אויפגעפירט וואו א חי' אדער ווי א פייגל
- ☐ ווער ס'האט שטענדיג געווינט צום אייבירשטן
- ☐ ווער ס'האט געהאט גאר ווייניג געלט

**טו. וואס האט דער בעל תפלה געזאגט אויף די מדינה פון עשירות?**

- ☐ ער האט זייער געקרעכצעט און געזאגט ווער וויסט ווי זיי קענען נאך פארגיין דורך דעם
- ☐ ער האט גאר נישט געזאגט אויף זיי
- ☐ ער האט געזאגט אז זיי האבן מער נישט קיין האפנונג

**טז. וואס לערנסט זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**

- ☐ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז_______
- ☐ אז א תענית קען זיין געשמאקער פון אלע תענוגים אויף דער וועלט
- ☐ ________________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**

אלע קינדער וואס האבן געווינען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש אדער בן איש חי 54 דירה 11

# טרעף צען קליינע חילוקים צווישן
# די צוויי בילדער



הֶערְשִׁי שְׁטֵייט צְווִישְׁן דִי גְרָאזְן, עֶר ווִיל פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצָה, אוּן עֶר ווִיל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער, זַיין מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט! ווִי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט מִיט אַ שְׁלָאס!

**אֶפְשָׁר הָאסְטוּ עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר הֶערְשִׁי?!**

**עֶפֶּעס אַ וָוארְט וָואס זָאל אִים עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל?!**

קְלִינְג אַרַיין אִין טֶעל-לַיין אוּן לָאז אִים אִיבֶּער אַן עֵצָה אוֹיף קְנֶעפְּל 7, לָאז אִיבֶּער דַיין נָאמֶען אוּן טֶעלֶעפָאן וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרַייגְגֵיין אִין אַ גוֹרָל אוּן אוֹיךְ וֶועלְן מִיר דָא אַרַיינְלֵייגְן דַיין עֵצָה פַאר הֶערְשִׁי אוּן פַאר נָאךְ אִינְגְלֶעךְ אִין זַיין גְלֵייכְן, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בְּעֶזְר הַשֵּׁם.